# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

לך לך

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
כל הזכויות שמורות להמכון © 2026

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת לך לך


הרימותי ידי אל ה' - יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט אדער טראַכט, איז פון דעם אויבערשטן .............. ד

והאמין בה' - דורך אמונה טוט מען אַלעס איבערדרייען צום גוטן................................ ט

בירה דולקת - אונטער דעם פייער איז באַהאַלטן אַ געוואַלדיגע טובה...........................יג

אשר בחברון - מיר האָבן אַ 'זכיה' אַז מיר קענען מתפלל זיין ........................ טו


**ספה"ק בת עין**

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וְגוֹ' אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ** און דער אייבישטער האט געזאגט צו אברהם גיי פאר דיינעט וועגן פון דיין לאנד ... צו די לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן. **אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (ברכות ז:) **לֹא הָיָה מִי שֶׁקְּרָאוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָדוֹן עַד שֶׁבָּא אַבְרָהָם וּקְרָאוֹ אָדוֹן.** אונזערע רבי'ס ז"ל האבן געזאגט אז ס'איז נישט געווען ווער עס האט אנגערופן דעם באשעפער מיטן נאמען 'הער' (אדון) ביז אברהם אבינו איז געקומען און אים אנגערופן מיטן נאמען 'אדון'. **הָעִנְיָן הוּא שֶׁאַבְרָהָם הִתְחִיל לִקְרוֹא אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּשֵׁם אֲדֹנָ"י** די ענין וואס חז"ל זאגן אונז איז אז אאע"ה איז געווען דער ערשטער וואס האט גערופן דעם באשעפער מיטן נאמען אֲדֹנָ"י, **בְּחִינַת מַלְכוּת** וואס אֲדֹנָ"י איז מרמז אויף די בחינה פון מלכות, **שֶׁקִּיבֵּל אַבְרָהָם עָלָיו בְּחִינַת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ** וואס אאע"ה האט אנגענומען אויף זיך דעם באשעפער'ס קעניגרייך. **אֲבָל לִפְנֵי אַבְרָהָם לֹא הָיָה מִי שֶׁיִּקְרָאוֹ אָדוֹן שֶׁיִּהְיֶה נִתְיַחֵד מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ עָלָיו** אבער פאר אאע"ה איז נישט געווען ווער עס זאל רופן דעם באשעפער מיטן נאמען 'אדון' (הער) אז ס'זאל געאיינציגט ווערן דעם באשעפער'ס נאמען אויף אים, **כִּי אִם עַל אַבְרָהָם** נאר אויף אברהם אבינו.

**וְהַטַּעַם** און די ערקלערונג אויף דעם איז, **כִּי עִנְיַן מֶלֶךְ אֵינוֹ יָכוֹל לִהְיוֹת כִּי אִם עַל מִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת דִּמְיוֹן לְהַמֶּלֶךְ** ווייל די ענין פון דאס געוועלטיגן פון א מלך איז אז ס'מוז זיין אויף איינעם וואס איז צוגעגעליכן צום קעניג, **כִּי הַיִתָּכֵן שֶׁיִּהְיֶה נִקְרָא הָאָדָם מֶלֶךְ עַל בְּהֵמוֹת שֶׁאֵינוֹ בְּדִמְיוֹן לוֹ** ווייל ווי אזוי איז שייך צו זאגן אז א מענטש ווערט אנגערופן א קעניג אויף בהמות וואס איז נישט גלייך צו אים, **רַק מִי שֶׁהוּא מֶלֶךְ עַל בְּנֵי אָדָם כָּמוֹהוּ זֶה נִקְרָא מֶלֶךְ** נאר איינער וואס איז א מלך אויף מענטשן אזוי ווי אים איז שייך ער זאל ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'מלך'. **וְלָכֵן אֵינוֹ שַׁיָּךְ גַּם כֵּן שֶׁיִּתְיַיחֵד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּבְחִינַת מֶלֶךְ עַל בָּשָׂר וָדָם** און דערפאר איז נישט מעגליך אז דער באשעפער זאל געאיינציגט ווערן מיט די בחינה פון 'מלך' אויף א בשר ודם, **שֶׁאֵינוֹ עֵרֶךְ לוֹ כְּלָל וְשׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל** וואס דער מענטש וואס איז געמאכט פון פלייש און בלוט האט נישט קיין שום ענדליכקייט און קיין פארגלייך מיט השי"ת.

**רַק הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּרוֹב רַחֲמָיו וּבְרוֹב חֲסָדָיו רָצָה לְיַיחֵד מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ עַל יִשְׂרָאֵל עַם קְדוֹשׁוֹ דַּיְיקָא** נאר דער באשעפער מיט זיינע פילע רחמים און פילע חסדים האט געוואלט פאראייניגן זיין קעניגרייך נאר אויף זיין הייליג פאלק די יודן, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ישעי' מד, ו) **כֹּה אָמַר ה' 'מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל' וְגוֹ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'אזוי האט געזאגט דער אייבישטער דער קעניג פון די יודן (וכו')', **יִשְׂרָאֵל דַּיְיקָא שֶׁנִּקְרָאִים 'אָדָם'** די פסוק רופט אן דעם באשעפער מיטן נאמען 'מלך' נאר אויף די יודן - מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל – וואס די יודן ווערן אנגערופן מיטן נאמען אָדָם, **לְשׁוֹן אֲדַמֶּה לְעֶלְיוֹן** (שם יד, יד) וואס די ווארט אָדָם איז טייטש 'צוגעגליכן' אזוי ווי די פסוק זאגט 'זיך צוגלייכן צום באשעפער', **בְּחִינַת דִּמְיוֹן לִבְחִינַת קְדוּשָׁה עֶלְיוֹנָה** ד"מ אז די יודן ווערן אנגערופן מיטן נאמען אָדָם ווייל זיי זענען צוגעגליכן צו א העכערע בחינת קדושה, **שֶׁהֵם מוּפְשָׁטִים מִגַּשְׁמִיּוּת וּדְבֵקִים בְּמִדּוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ** ווייל זיי זענען אויסגעטאהן פון גשמיות און זענען באהאפטן אינעם באשעפער'ס מידות. **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (דברים ד, ד) **'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה"** ווי עס שטייט אין פסוק 'און עטס זענט באהאפטן אין באשעפער', **וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (שבת קלג:) **הִדָּבֵק בְּמִדּוֹתָיו מַה הוּא רַחוּם אַף אַתָּה רַחוּם וְכוּ'** און חז"ל האבן געדרשנ'ט אז די פסוק מיינט צו זאגן אז מען זאל זיך באהעפטן אין באשעפערס מידות אזוי ווי דער באשעפער איז א בעל רחמים אזוי זאלסטו זיין א בעל רחמים און אזוי מיט אלע מידות. **פֵּירוּשׁ שֶׁבָּזֶה הֵם דּוֹמִים קְצָת לִבְחִינָה עֶלְיוֹנָה** ד"מ אז מיטן זיך באהעפטן מיט דעם באשעפער'ס מידות טוען אונז זיך מיט דעם אביסל צוגלייכן צו א העכערע בחינה פון קדושה ...

**(פרשת לך לך ד"ה ויאמר ד' אל אברם)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד**

# לך לך

**הרימותי ידי אל ה' - יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט אדער טראַכט, איז פון דעם אויבערשטן**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה[א] (יד, כא-כג), ויאמר אברם אל מלך סדום, הרימותי ידי אל ה' א-ל עליון קונה שמים וארץ, אם מחוט ועד שרוך נעל ואם אקח מכל אשר לך, ולא תאמר אני העשרתי את אברם.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ווי אַזוי וואָלט דער קעניג פון סדום געקענט זאָגן 'אני העשרתי את אברם'? עס איז דאָך דער שטייגער ביי מלחמות, אַז דער זיגער אינעם שלאַכט נעמט די גאַנצע רויב פונעם לאַנד וואָס איז באַזיגט געוואָרן, און אויב אַזוי, וויבאַלד אברהם אבינו ע"ה האָט באַזיגט די פיר קעניגן, איז דאָך דאָס גאַנצע פאַרמעגן זיינס, מיט רעכט, און עס באַלאַנגט אינגאַנצן נישט צום קעניג פון סדום (וואָס איז שוין באַזיגט געוואָרן דורך יענע קעניגן). אויך אויב ער וועט טענה'ן 'איך האָב רייך געמאַכט אברהם', וועלן זיינע ווערטער נישט האָבן קיין זינען, און אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט אברהם אבינו ע"ה חושש געווען אויב דער קעניג פון סדום וועט זאָגן אַז ער האָט אים רייך געמאַכט?

**ענטפערט** דער מלבי"ם ז"ל, אַז אברהם אבינו ע"ה האָט געמיינט צו זאָגן, דער זיג אויפ'ן שלאַכטפעלד איז דאָך בכלל נישט געווען פון מיין אייגענעם שטאַרקן כח, נאָר דער אויבערשטער איז דער 'בעל מלחמות', און ער איז דער וואָס זיגט אין אַ מלחמה. 'הרימותי ידי אל ה' א-ל עליון', מיין האַנט איז געווען נישט מער ווי אַ שווערד אין דער האַנט פון דעם אויבערשטען, און ממילא, איז דער גאַנצער רויב נישט מיינער, ווייל נישט איך בין דער זיגער!

**און** אויף דעם האָט אברהם צוגעלייגט, 'ולא תאמר אני העשרתי את אברם'. דאָס מיינט, אויב ער וועט נעמען פונעם רויב אַזוי ווי ס'איז דער שטייגער פון די זיגער אין אַ מלחמה, וועט די האַנט זאָגן וועגן זיך, 'איך האָב רייך געמאַכט אברהם', דאָס הייסט, מיין אייגענע כח האָט פאַרדינט דעם רויב, ווען באמת, איז עס דאָך נאָר געווען מיט'ן כח פון דעם אויבערשטען, און נישט פון מיין שוואַכע האַנט.

**באמת,** איז דאָס געזאָגט געוואָרן נישט נאָר וועגן אַ מלחמה, נאָר עס איז שייך ביי אַלע ענינים, צו לאָזן וויסן די וועגן פון אמונה פשוטה[ב], אַז נאָר דער

---

**א.** דער גאון רבי חיים פלא'גי זי"ע שרייבט ('מועד לכל חי', סי' כו), **אַז י' חשון** (וועלכע געפאלט היי-יאר מיטוואך פ' לך לך), **איז** געבוירן געוואָרן גד, און **דער דאַזיגער טאָג וועט זיין פאַר אַ גוטן מזל פאַר יעדן איינעם וואָס טוט עפּעס** (ווי באַקאַנט, ווייזט דער נאָמען 'גד' אויף אַ גוטן מזל, ווי דער פסוק זאָגט 'ותאמר לאה בגד'), **וויבאַלד דער זכות פון גד שוועבט במשך פון דעם גאַנצן טאָג.**

**ב.** אַזוי טייטשט דער 'אגרא דכלה' (פ' חוקת, ד"ה 'עמוד נא', און אַזוי שרייבט הרה"ק רבי אייזיקל קאָמאַרנער זי"ע, אין זיין ספר 'היכל הברכה') דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טו, ו) 'והאמן בה'', אַז עס שטייט דאָס וואָרט 'והאמן' אָן אַ י', ווייל 'יו"ד' איז מרמז אויף די בחינה פון חכמה (ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש), דעריבער פעלט דער אות י', מרמז צו זיין, **אַז ביי ענינים פון אמונה, דאַרף דער מענטש מבטל זיין די גאַנצע 'חכמה' וואָס ער פאַרמאָגט, און צו גלייבן בפשטות, אָן חקירות און דרישות,** נאָר 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך'.

## מן הבאר

דער 'דברי ישראל', דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (יב, א) 'לך לך **מארצך** וממולדתך ומבית אביך, אל הארץ אשר אראך'. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, נעם אַוועק פון דיין געדאַנק **די מחשבה אַז 'ארצך', ס'איז 'דיין' לאַנד... כאילו, עפּעס ווענדעט זיך אין 'דיין' השתדלות.** דו דאַרפסט געדענקען אַז 'אל הארץ אשר אראך' - איך טו צושטעלן פאַר דיר אַלע דיינע באַדערפענישן, און איך גיב דיר דאָס לאַנד... אַלעס איז פאַר דיר באַשערט געוואָרן פון הימל.

אויבערשטער איז דער וואָס טוט אַלעס אויף דער וועלט: 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'[ג]. דער

---

מיר האָבן געהערט פון הרב שעכטער, דער דירעקטאָר פון דער 'הדואר' באַנק אין דער שטאָט אלעד אין ארץ ישראל, אַז קרוב צו צען יאָר צוריק, אינמיטן חודש אלול תשע"ז, איז אַרייַנגעקומען צו אים אַ איד מיט אַ בקשה ער זאָל אַריבערפירן אַ סומע געלט פון זיין באַנק-קאָנטע צו דער באַנק-קאָנטע פון זיין שווער, וועלכער וואוינט אין מעקסיקא, ווייל דער שווער דאַרף דאָרט דרינגענד האָבן אַסאַך 'קעש' געלט. 'פונקט' אין יענע רגע, איז דער קאָמפּיוטער אין באַנק געפרוירן געוואָרן, אַזש אַז מ'האָט נישט געקענט אַריבערשיקן דאָס געלט צו דער מעקסיקאַנער באַנק. איז דער איד געווען זייער ברוגז און פיל מיט ווייטאג, ווייל ס'איז אים געווען גאָר וויכטיג אַריבערצושיקן דאָס געלט, אָבער וואָס קען דער דירעקטאָר טוהן, אַז דער קאָמפּיוטער האָט זיך 'פונקט' יעצט צובראָכן... ער האָט אים פּרובירט באַרואיגן און אים פאַרזיכערט, אַז צומאָרגענס וועט ער אַריבערשיקן דאָס געלט, און ער וועט נישט דאַרפן וואַרטן אין רייע.

צומאָרגענס, איז דער איד (וואָס האָט געוואָלט אַריבערשיקן דאָס געלט צו דער באַנק אין מעקסיקאָ) געקומען אין באַנק 'שמח וטוב לב', און דערציילט, אַז יענעם טאָג האָבן אויסגעבראָכן אין אַסאַך ערטער אין אַמעריקע שרעקליכע שטורעמס און 'האָריקעינס', און אויך מעקסיקא, וואָס געפינט זיך נאָנט צו מערב אַמעריקע, איז נישט 'געשוינט' געוואָרן, און ס'איז דאָרט אויך פאָרגעקומען אַ שרעקליכע ערד ציטערניש מיט פילע קרבנות, ה' ירחם. דאָס אַלעס האָט פּאַסירט אין דער געגנט וואו עס געפינט זיך די באַנק וואו זיין שווער האָט געזאָלט באַקומען דאָס געלט אַ טאָג פריער, און ער איז געראַטעוועט געוואָרן נאָר דורך דעם וואָס ער האָט געהערט אַז דאָס געלט איז נישט אַריבערגעגאַנגען צו זיין חשבון, און ער האָט דעריבער נישט וואָס צו קומען אין באַנק... (ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פּאַסירט מיט אים, אויב ער וואָלט דאַן געגאַנגען אין באַנק אַרויסצונעמען דאָס געלט). זעט מען פון דעם אַז יעדער זאך איז פאַר די טובה פונעם מענטש, און ממילא, טאָר מען נישט האָבן טענות חלילה אויפ'ן רבונו של עולם וואָס פירט די וועלט מיט אַ גענויען און פונקטליכן חשבון...

**ג.** אַזוי שרייבט דער רמב"ן אין דער היינטיגער פרשה, אויפ'ן פסוק (יז, א) 'ויאמר אליו אני א-ל ש-ד-י התהלך לפני **והיה תמים**'. דער ענין פון 'והיה תמים', איז נאָך אַ מצוה אַזוי ווי די מצוה פון 'תמים תהיה עם ה' אלקיך' (דברים יח, יג), וואָס דארט שטייט עס גלייך נאָך דער וואָרענונג פון 'לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש קוסם קסמים מעונן ומנחש ומכשף וחבר חבר' (שם יח, י).

דער יסוד פוןביידע מצוות איז, אַז אַ איד דאַרף גלייבן מיט'ן גאַנצן האַרצן, אַז נאָר דער אויבערשטער אַליין איז דער בעל היכולת פון אָנהייב ביז'ן סוף. ער איז דער וואָס פירט אַלעס, און ער קען טוהן און אַלעס טויישן. מ'טאָר נישט אויסהערן די 'קוסמים' און כישוף מאַכער, און מ'טאָר נישט גלייבן אַז זייערע ווערטער וועלן זיכער צושטאַנד קומען. **נאָר דער מענטש דאַרף אַרייַנבאַקן ביי זיך אין האַרץ אַ שטאַרקע אמונה, אַז אַלעס ליגט נאָר אין די הענט פונעם רבונו של עולם, וואָס ער איז דער וואָס מאַכט אַז עס זאָל זיין גוט פאַר אַ מענטש אפילו ווען לויט'ן מזל קומט עס אים נישט.** און דאס איז די כוונה פון חז"ל ווען זיי זאָגן (שבת קנו.), אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה: 'צא מאיצטגנינות שלך'.

פון דעם לערנען מיר, אַז אויך אויב אַלע 'חכמים יודעי העתים' טוהען אַנטפּלעקן פאַר דעם מענטש אַ 'סוד', און זיי זאָגן אים קלאָר וואָס זיין גורל וועט זיין, זיי ברענגען אַריין יאוש ח"ו אין דעם מענטש אַז ער האָט חלילה מער נישט קיין האָפענונג, ס'איז נישט דאָ קיין אויסזיכטן אַז ס'זאל אים נאך ווערן לעכטיג, צי ווען עס האַנדלט זיך וועגן 'בני', געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, מ'רעדט אים איין אַז לויט זיין מזל, קען ער חלילה נישט האָבן קיין קינדער ה' ירחם, אָדער ביי 'חיי' אָדער 'מזוני', מ'זאָגט אים אַז אויף אים איז נגזר געוואָרן פון געבורט צו זיין אַ 'שלימזל', זאָל ער נישט גלייבן זייערע ווערטער, און ער זאָל זיך נישט מייאש זיין ח"ו, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה אַז אַלעס איז אין די הענט פון דעם אויבערשטען, וועלכע קען אין אַ סעקונדע אים אַרויסנעמען פון אַלע זיינע ענגשאַפטן, ווען דער אויבערשטער וועט וועלן אים אַרויסנעמען מצרה לרווחה.

עס ווערט געברענגט (אין ספר 'לעבדך באמת', וואָס אַנטהאַלט אַ באַשרייבונג פונעם לעבן פון הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ממאַחניווקע זי"ע), אַז דער מאַחניווקער רבי זי"ע איז אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל נאָך צענדליגער יאָרן אין ביטערן קאָמוניסטישן גלות, חמשה עשר בשבט תשכ"ד, נישט האָבנדיג אַפילו אַ פּרוטה צום לעבן. ביים אָנקומען אין ארץ ישראל, האָט

נישט געהאַט קיין אַנונג וואו ער וועט וואוינען. אין דער ערשטער תקופה, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין דעם 'אשל' האָטעל אין תל אביב.

אַ וואָך נאָכ'ן אָנקומען אין ארץ ישראל, איז דער מאַחניוווקער רבי געפאָרן זיך באַטייליגן ביי אַ חתונה פון זיין שוועסטער-קינד, הרה"צ רבי יהושע טווערסקי זצ"ל, אַ זון פון ראַחמיסטריווקער רבי'ן פון ירושלים, הרה"ק רבי יוחנן זי"ע. ביי דער חתונה, איז צוגעקומען צום מאַחניוווקער רבי'ן זיינער אַ קרוב, וועלכער האָט ליידער פאַרלאָזט דעם ערליכן אידישן וועג, און איז געוואָרן מאָדערניזירט, און זיך 'באַקלאָגט' פאַר'ן מאַחניוווקער רבי'ן אויף דעם וואָס ער (דער רבי) איז געקומען קיין ארץ ישראל. יענער האָט גע'טענה'ט, אַז עס וואָלט געווען אַסאַך בעסער פאַר'ן רבי'ן אויב ער וואָלט געפאָרן קיין אַמעריקע, וואָס איז א 'לאַנד פון שפע'... דאָרט וואָלט אייך גאָרנישט געפעלט, האָט ער פּרובירט טענה'ן מיט'ן מאַחניוווקער רבי'ן. האָט דער מאַחניוווקער רבי אים שאַרף אָנגעקוקט און געזאָגט:

**- גשמיות נעמט מען זיך אַליין? גשמיות, גיט דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו... נאָר ביי רוחניות'דיגע ענינים, דאַרף דער מענטש זיך פּלאָגן עס צו באַקומען, אָבער גשמיות, איז אַלעס פון הימל...**

אַסאַך מענטשן וואָס זענען דעמאָלס געווען אנוועזענד און געהערט די שאַרפע ווערטער פון מאַחניוווקער רבינ'ס מויל, האָבן עדות געזאָגט, אַז יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך שפּעטער 'אַריינגע'גנב'עט' אין זיי געדאַנקען וועגן פּרנסה, צו טראַכטן, 'אויב איך וואָלט געטוהן אַזוי און אַזוי, וואָלט איך פאַרדינט מער'... הערן זיי באַלד די שאַרפע רייד פונעם רבי'ן, אַז 'גשמיות נעמט מען זיך דען אַליין?!'

מיר דאַרפן נאָר בעטן דעם אויבערשטען, ער זאָל אונז געבן 'פּרנסה בריווח ובכבוד', און זיך פארלאזן אז ער וועט הערן אונזער תפילות או אונז געבן אלעס וואס מיר דארפן האבן.

ס'איז באַקאַנט, אַז דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט אין זיין צוואה ('לשון צדיק', אין זיין צוואה פון זונטאָג, ח"י חשון תרי"ג, אות א) אַז ער טוט באַפעלן מ'זאָל אים נישט לייגן (נאָך 120 יאָר) נעבן אַן עושר, אַפילו אויב ער איז 'מוחזק בכשרות', נאָר נעבן אַן אָרימאַן, אָבער ער זאָל זיין 'מוחזק בכשר'.

דאָס הייסט, עס דאַכט זיך אַמאל פאַר דעם מענטש אַז ער האָט פון אַלעם גוטן, אַזוי אַז ער שפּירט נישט אַז ער דאַרף יעדע סעקונדע אָנקומען צו די חסדים פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, אָבער דער אָרימאַן שפּירט דאָך אייביג אַז ווען נישט די חסדים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים, האָט ער נישט וואָס צו עסן.

אַן אייניקל פון טאָלנער רבי'ן, הרה"ק רבי יוחנן זי"ע, האָט אַמאָל מזכיר געווען פאַר'ן זיידן, אַ יונגערמאַן וואס האָט פאַרלוירן זיין פּרנסה. האָט דער טאָלנער רבי געזאָגט:

- אַ איד דאַרף גלייבן, אַז דער אויבערשטער, און נאָר דער אויבערשטער, שפּייזט יעדן איינעם לויט זיין פאַרשטאַנד. איינער וואָס פאַרגעסט צו גלייבן דערין, טוט דער אויבערשטער צומאָל אים 'דערמאַנען', און ער גיט אַ 'שאָקל' זיין מקור פון פּרנסה, כדי ער זאָל געדענקען ווער ס'איז דער אמת'דיגער בעה"ב. אַמאָל איז גענוג אַ 'רוח מצויה', אַ 'לייכטער שאָקל', און דער מענטש קומט צוריק צו זיין מקור, אָבער עס פּאַסירט אויך אַז דער מענטש ווערט נישט נתעורר, און ער איז זיכער אַז ער איז דער 'פּרנסה געבער' אין שטוב, אָדער דער 'באָס' גיט אים די פּרנסה... מיר וויסן דאָך אָבער אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, וואָס ער איז דער וואָס באַשליסט און ער שפּייזט יעדעם. אויב דער מענטש פאַרגעסט דאָס, טוט דער אויבערשטער אים 'אויפשאָקלען' ח"ו מיט אַ 'רוח שאינה מצויה', און ער פאַרלירט זיין גאַנצע פּרנסה חלילה. ערשט דאַן טוט דער מענטש אנערקענען אַז ער דאַרף מתפלל זיין צום באַשעפער, און שטאַרקן זיין אמונה אין דעם אויבערשטען וואָס פירט די גאַנצע וועלט, און דאַן קענען די טויערן פון פּרנסה געעפענט ווערן פאַר אים.

דער טאָלנער רבי האָט אויסגעפירט צו זיין אייניקל:

**- זאָג פאַר דעם יונגערמאַן אין מיין נאָמען, אַז עס זענען דאָ רייכע לייט וואָס זענען יעדן טאָג מתפלל אויף אַ גוטע פּרנסה. זיי זאָגן 'פּרשת המן', און גיבן 'מעשר', כדי אַריינצוברענגען די ברכה אין זייער הויז, און אַזוי זענען זיי מצליח. אויך דער יונגערמאַן וועמען דו האָסט דאָ מזכיר געווען פאַר מיר, דאַרף געדענקען דעם אויבערשטען און זיך פאַרלאָזן אויף אים, און מתפלל זיין צו אים, קען ער זיין פאַרזיכערט אַז די ישועה וועט קומען אַסאַך שנעלער ווי ער מיינט. אָבער ער זאָל שוין יעצט צוזאָגן אַז ער וועט פאָרזעצן צו בעטן אויך ווען ער וועט שוין האָבן אַ נייע גוטע פּרנסה.**

מענטש איז נישט אימשטאַנד צו טוהן גאָרנישט[ד], נישט צום גוטן, און נישט צו מאַכן אַ שאָדן. יעדע השתדלות וואָס דער מענטש טוט, סיי בנוגע פרנסה, סיי ביי אַנדערע נויטווענדיקייטן, זענען נישט הילפבאַר און זיי שאַטן נישט. נאָר אַלעס קומט אָן צו דעם מענטש לויט דעם רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, 'כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל', אָן ער פירט אַלעס לויט ווי ס'איז נגזר געוואָרן פון אויבן[ה].

**אַוודאי** איז דער מענטש מחויב צו טוהן 'השתדלות' אין אַלע ענינים, אָבער מיט דעם אַלעם, דאַרף

---

און כך הוה. דער יונגערמאַן האָט געפאָלגט די עצה פון טאָלנער רבי'ן ז"ל, און ער האָט שפּעטער געטראָפן אַ לייכטע גוטע פרנסה, און ער האָט פון דאַן און ווייטער כסדר מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען, ער זאָל אים נישט פאַרלאָזן (געברענגט אין ספר 'תנחומיך ישעשעו נפשי', ע' 749).

**ד.** דער 'יכין' זאָגט אין מסכת תמיד (א, ב) אויף די ווערטער וואָס שטייען ביי דעם גורל פונעם 'פּייס', 'זכה מי שזכה'. לכאורה זענען די ווערטער 'מי שזכה' איבעריג און אומפאַרשטענדליך. איז דען דאָ אַן אָרט צו זאָגן אַז עס האָט 'זוכה געווען' איינער וואָס האָט 'נישט זוכה געווען'?... אַוודאי איז דער געווינער פונעם גורל, איינער וואָס האָט 'זוכה געווען' דערין...

ענטפערט דער 'יכין', אַז כאָטש מ'האָט געוואָרפן אַ גורל, **איז עס אָבער נישט געווען אַ צופאַל אַז איינער זאָל געווינען אינעם גורל, נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.** נאָר דער וואָס איז געווען ראוי דערצו פון הימל, האָט זוכה געווען אינעם גורל, ביי יעדע עבודה אין בית המקדש, עכ"ד.

דאָס מיינט, **'זכה'** - עס האָט זוכה געווען אויף דער וועלט. **'מי שזכה'** - דער וואָס האָט זוכה געווען אויף יענער וועלט, ווייל קיין זאַך פאַסירט אויף דער וועלט פון זיך אַליין, נאָר אַלעס ווערט אויסגערופן און געפירט פון הימל.

אַ איד וואָס האָט זיך זייער געמוטשעט מיט פרנסה, האָט זיך מזכיר געווען פאַר דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, און געבעטן דעם 'חזון איש', אַז ער זאָל דערבאַרימען אויף אים, און אים זאָגן מיט זיין 'רוח הקודש', דעם נומער וואָס וועט אַרויסגיין דער געווינער אינעם 'לאָטאָ'. ער (דער איד) וועט קויפן דעם 'לאָטאָ', און אויספילן די נומערן וואָס דער 'חזון איש' וועט אים זאָגן. אַזוי וועט ער קענען געווינען דעם 'לאָטאָ', און עס וועט קומען אַ סוף צו אַלע זיינע צרות. האָט דער 'חזון איש' אים געזאָגט:

- צי דען מיינסטו, אַז פון הימל איז נגזר געוואָרן אַז **דער 'נומער'** זאָל זיין דער געווינער אינעם 'לאָטאָ'... זיכער אז נישט, נאָר פון הימל האָט מען אויסגערופן אויף **דעם מענטש**, אַז ער זאָל זיין דער געווינער. און אויב ס'איז נישט נגזר געוואָרן אַז דו זאָלסט געווינען דעם 'לאָטאָ', וועט דיר נישט העלפן דער פאַקט וואָס דו טוסט אויסקלויבן דייקא די דאָזיגע נומערן...

**ה.** אין דער הייטיגער פרשה (ו, ז) לייענען מיר: 'ויאמר אליו אני ה' אשר הוצאתיך מאור כשדים'. דער אויבערשטער זאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, איך בין דער באַשעפער וואָס איך האָב דיך אַרויסגענומען פון אור כשדים. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, דער פסוק זאָגט פריער (סוף פרשת נח, יא, לא) 'ויקח תרח את אברהם בנו וגו' **ויצאו אתם מאור כשדים** ללכת ארצה כנען, ויבואו **עד חרן**'. קומט אויס אַז אין דער צייט ווען דער אויבערשטער האָט גערעדט צו אברהם אבינו ע"ה, און אים געזאָגט 'לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך', איז אברהם דעמאָלס שוין געווען אין חרן, און דאָס אַרויסגיין פון אור כשדים איז נישט געווען אויף דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, נאָר פון זיך אַליין. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אים געזאָגט, 'אני ה' אשר הוצאתיך **מאור כשדים**'?

ענטפערט דער 'רבינו מיוחס' (איינער פון די ראשונים), אַז **דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין תרח'ס האַרץ דעם געדאַנק אַרויסצוגיין פון אור כשדים**, עכ"ל. דאָס מיינט, כאָטש אויפ'ן אויגנבליק זעט עס אויס אַז אברהם און תרח זענען **'פון זיך אַליין'** אַרויסגעגאַנגען פון אור כשדים, איז דער אויבערשטער באמת געווען דער וואָס האָט זיי אַרויסגענומען פונעם אור כשדים, ווייל **דער מענטש טוט נישט קיין זאַכן, און ער טראַכט גאָרנישט פון זיך אַליין, נאָר דער אויבערשטער גיט אַריין אין זיין האַרץ צו טראַכטן אויף אַ געוויסן אופן, כדי צוצופירן די זאַך לויט זיין רצון.**

אַזוי זאָגט דער פסוק קלאָר (תהלים לז, כג) 'מה' מצעדי גבר כוננו', ווי דער 'דברי ישראל' טייטשט (פ' בשלח, ד"ה 'וירא'), אַז **אַפילו צען טויזנט טריט וואָס דער מענטש מאַכט, אַלעס איז מיט השגחה פרטית**, אַזוי ווי מיר מאַכן יעדן טאָג אַ ברכה בשם ומלכות, 'המכין מצעדי גבר' וכו', און מ'דאַרף זייער שטאַרק גלייבן אין דעם, כדי די ברכה זאָל נישט זיין אַ ברכה לבטלה ח"ו...

ער גוט געדענקען אַז דאָס איז נישט מער ווי בלויז אַ 'השתדלות', וואָס דער אויבערשטער האָט אים באַפוילן צו טוהן, אָבער נישט אַז די השתדלות העלפט עפּעס[ו]. ער טאָר זיך נישט פאַרזיכערן חלילה אויף זיין אייגענע כח און זיינע אייגענע אַקטיוויטעטן, צו זאָגן, 'איך' האָב עס געטוהן[ז].

---

**ו.** דער משגיח הגה"צ רבי אליהו דעסלער זצ"ל, האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, פאַרוואָס בעטן מיר אין תפילת 'שמונה עשרה', גשמיות'דיגע בקשות, ווי 'רפאינו' און 'ברך עלינו', נאָך דעם ווי מ'בעט אויף רוחניות, 'אתה חונן לאדם דעת', 'השיבנו אבינו לתורתך', און 'סלח לנו'. מיר האָבן דאָך אַ כלל, 'מעלין בקודש ואין מורידין' (שבת כא:), ביי דברים שבקדושה גייט מען אַלץ העכער און העכער, און נישט נידעריגער. אויב אַזוי, וואָלטן מיר פריער געדאַרפט בעטן אויף גשמיות, און ערשט דערנאָך אויף רוחניות. האָט דער 'חזון איש' געפרעגט הרב דעסלער, וואָס ער האָט צו ענטפערן דערויף. האָט הרב דעסלער געזאָגט, אַז עס געפעלט אים צו זאָגן, אַז דאָ איז אינגאַנצן נישט שייך דער כלל פון 'מעלין בקודש ואין מורידין', ווייל דאָ איז עס נישט קיין 'הורדה', אפילו ווען מ'בעט דערנאָך אויף גשמיות, ווייל אויך די גשמיות'דיגע באַדערפענישן פון אַ איד, זענען רוחניות... ער דאַרף האָבן אַ רפואה כדי ער זאָל קענען דינען דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ, און מיט אַלע כוחות, און אויך די בקשה פון 'ברך עלינו', אויף פרנסה, איז נאָר כדי ער זאָל קענען אָפּגעבן כבוד פאַר דעם שבת, און צאָלן 'שכר לימוד' פאַר די תלמוד תורה וואו עס לערנען זיינע קינדער...

הערנדיג דעם תירוץ פון הרב דעסלער, האָט דער 'חזון איש' אים געזאָגט: אין מיין מיינונג, איז עס אינגאַנצן נישט קיין קשיא. ווייל **ווען אַ איד בעט ביי דעם אויבערשטען 'רפאינו', איז עס ווי ער רופט אויס, רבונו של עולם, איך גלייב אינגאַנצן נישט אין דעם כח פונעם דאָקטאָר. מיין גאַנצע רפואה איז אָנגעוויזן אין דיר. דאָס זעלבע רופט ער אויס, 'ברך עלינו'. די גאַנצע השתדלות פאַר פרנסה, איז נישט מער ווי נאַרישקייטן, ווייל דו ביזט דאָך דער באַשעפער וואָס שפּייזט מיך און מיינע בני בית.** ממילא איז עס נאָר אַ בחינה פון 'מעלין בקודש', ווען מ'רופט אויס אַזאַ אמונה... און נישט נאָר דאָס, נאָר בלויז נאָך דעם ווי מ'באַקומט שכל ('אתה חונן'), און מ'טוט תשובה ('השיבנו אבינו'), און מ'טוט זיך אָפּרייניגן פון די עבירות ('סלח לנו'), איז מען בכח זיך צו שטאַרקן און אָנקומען צו אַזאַ שטאַרקע אמונה.

**ז.** הרה"צ ר' אשר פריינד זצ"ל איז אַמאָל געזעסן מיט זיין איידים, און דער איידים האָט דערקענט אויף זיין שווער רבי אשר, אַז ער איז שטאַרק איבערגענומען. עפּעס דריקט אויף אים, און נעמט אַוועק פון אים זיין שלוות הנפש. ווען דער איידים האָט געפרעגט אים פאַרוואָס איז צוטראָגן, האָט רבי אשר געענטפערט, עס איז דאָ אַריינגעקומען צו אונז אַ בחור, אַ פארלוירן קינד רח"ל (מ'ווייסט נישט ווער זיינע עלטערן זענען), ער האָט אויסגעזען נאָכגעלאָזט מיט זיין לבוש, און מיט זיין גאַנצן וועזן... איך האָב איך אַריינגענומען אין הויז, און כ'האָב אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און איך האָב אים אַפילו ערצויגן, ביז איך האָב אָנגעהויבן אים צו שיקן מיט פאַרשידענע מצוות, ווי צו טיילן קאָנווערטן מיט געלט פאַר נויטבאַדערפטיגע, א.א.וו. און פלוצלינג האָט ער זיך אנגעהוין אָפּרעדן, אַז מ'גיט אים נישט אָפּ דעם געהעריגן כבוד, א.ד.ג...

האָט דער איידים געפרעגט רבי אשר'ן: 'מי הוא זה ואיזה הוא' (ווי איינער זאָגט, זאָל מיר דער שווער נאָר זאָגן ווער ס'איז דער דאָזיגער 'מחוצף', און איך וועל זיך שוין אָפּגעבן מיט אים ווי ס'דאַרף צו זיין...). האָט רבי אשר געענטפערט: 'מ'רופט אים אשר פריינד'...

די מעשה און דער 'דערהער' דערפון זענען פשוט אויפטרייסלענדיג. דער אויבערשטער ברוך הוא איז דער וואָס טוט אונז ערציען פון אונזער פריהסטער יוגענט ביז יעצט. ער האָט אונז באַשאַפן, ער האָט אונז געגעבן געזונט און אַלע אַנדערע באַדערפענישן. ער גיט אונז דעם כח און די מעגליכקייט מקיים צו זיין מצוות, אָבער צום סוף קומט דער מענטש, און ער הענגט אַלעס אָן אין זיך. 'איך' האָב געטוהן. 'איך' האָב געטיילט, און ער רעדט זיך אָפּ און איז פול מיט טענות פאַרוואָס מ'גיט אים נישט כבוד, און פאַרוואָס עס פעלט אים דאָס און יענץ...

אדרבה, מיר דאַרפן זיין פון די תלמידים פון אברהם אבינו ע"ה, וואָס ער האָט געזאָגט 'ואנכי עפר ואפר' (להלן יח, כז), וואָס רש"י טייטשט דאָרט, 'וכבר הייתי ראוי להיות עפר על ידי המלכים ואפר על ידי נמרוד, לולי רחמיך אשר עמדו לי'. צו געדענקען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען'ס רחמנות, און אים דאַנקען דערפאַר.

מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (דברים ח, יח) אַז מ'דאַרף צולייגן האַרץ צו די טובה, אַז עס איז געקומען פון דעם אויבערשטען. דאָס וועט שטענדיג אויפוועקן דעם מענטש צו געדענקען דעם

**דער** גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, טייטשט דעם פסוק (ישעיה מא, ב) 'יתן בעפר חרבו בקש נידף קשתו', וואס דער פשט דערפון איז, אז ווען אברהם אבינו ע"ה האט מלחמה געהאלטן מיט די פיר קעניגן, האט ער געווארפן אויף זיי ערד און עס האט פאסירט א נס אז זיי זענען געווארן איבערגעדרייט צו שווערדן, און אזוי האט ער געווארפן שטרוי וואס איז געווארן איבערגעדרייט צו א פייל.

**לויט** דעם פשט, איז אבער שווער דאס לשון, ווייל ער וואלט געדארפט זאגן פארקערט, 'יתן עפרו כחרב, וקש נידף בקשת', אבער פון פסוק איז משמע אז ער האט געגעבן די שווערד אזוי ווי ערד.

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אז אברהם אבינו ע"ה האט טאקע געווארפן שווערדן און פיילן, אבער ער האט גוט געוואוסט אז נישט די שווערד אדער דער פייל הרג'עט דעם שונא, נאר זיי זענען אזוי ווי ערד און שטרוי, און אלעס וואס ער טוט איז נאר דרפאר ווייל אזוי איז דערווילן פון באשעפער. ס'איז אים געווען קלאר אז זיינע מעשים טוען גארנישט העלפן, ווי דער פסוק זאגט (משלי כא, לא) 'סוס מוכן ליום מלחמה, ולה' הישועה' דאס פערד איז גרייט פאר דעם טאג פון די מלחמה, אבער די ישועה קומט פון דעם אויבערשטען, ע"כ.

**והאמין בה' - דורך אמונה טוט מען אלעס איבערדרייען צום גוטן**

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגע פרשה (טז, ב) 'ותאמר שרי אל אברם הנה נא עצרני ה' מלדת' וגו', זאגט דער מדרש (ב"ר פמ"ה, ב) אז שרה האט געזאגט, איך ווייס די סיבה פאר וואס איך האב נישט קיין קינדער, נישט אזוי ווי מענטשן האבן מיר געזאגט אז איך דארף האבן א 'קמיע' אדער א רפואה, נאר 'הנה נא עצרני ה' מלדת' - דער אויבערשטער האט מיר צוריקגעהאלטן פון געבוירן א קינד.

**זאגט** דער 'שפתי צדיק' (אות לג), אז דאס איז א לימוד פאר'ן מענטש צו ווייסן, אז מ'טאר נישט אנהענגען קיין שום זאך אין דער טבע, נאר אויף דעם אויבערשטען, וואס ער פירט די וועלט[ח]. אלעס וואס מ'טוט אנהענגען אין דער טבע איז שווער עס צו טוישן, אבער אויב

---

אויבערשטען און זיין השגחה פרטית אויף אים. **דער אנהייב פון די תחבולות פון דעם יצר הרע, איז צו מאכן דעם מענטש פארגעסן פון דעם, און אזוי קען ער אים מאכן פארלירן ח"ו**, עכ"ד.

**ח.** מיר האבן געהערט א וואונדערליכע מעשה. אין דער שטאט פון קאלאשיצער רב, הרה"ק רבי חנה האלבערשטאם זצ"ל הי"ד, האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען רבי משה גאלדקלאנג, וועלכער האט געהאט א גוטע פרנסה, און געוואוינט אין א באקוועמע און שיינע דירה. אין א טאג האט דאס רעדל זיך איבערגעדרייט אויף רבי משה'ן, און ער איז געווארן אן ארימאן ל"ע, נישט האבנדיג א שטיקל ברויט צו עסן פאר זיך מיט די משפחה. וויבאלד ער האט פארמאגט א גרויסע שיינע דירה, האבן זיינע גוטע פריינט אים גע'עצה'ט ער זאל פארדינגען זיין דירה פאר א שיינעם סכום, און אזוי וועט ער זיך קענען צוריקשטעלן אין פרנסה.

דער קאלאשיצער רב זצ"ל איז דעמאלס פונקט נישט געווען אינדערהיים, און רבי משה (וועלכער איז געווען א קאלאשיצער חסיד) האט אלזא געפאלגט די עצה פון זיינע ידידים, און נישט פרעגנדיג דעם רבי'ן, איז ער ארויס פון זיין דירה, און געדינגען א קליינע פארלאזטע וואוינונג. ער האט באקומען פאר זיין דירה א שיינעם רענט, און פון דעם געלט, האט ער אינוועסטירט אין א ניי געשעפט.

דער קאלאשיצער רב האט שפעטער געהערט וואס רבי משה האט געטוהן, און כאטש געווענליך האט ער נישט געגעבן קיין עצות אויב מ'האט אים נישט געפרעגט, אבער דא איז ער ארויס פון זיין גדר, און ער האט געזאגט צו רבי משה'ן, אז ער האט דא געהאט א גרויסן טעות, ווייל דער ריכטיגער וועג איז אז יעדעס מאל ווען א מענטש פלאגט זיך מיט פרנסה, טאר ער נישט מאכן קיין ענדערונגען, נישט פארקויפן די דירה און אנדערע חפצים, ווייל אויב ס'איז אים באשערט פון הימל זיך צו פלאגן מיט פרנסה, וועט ער זיך נישט קענען ראטעווען דערפון, אויך אויב ער וועט פארקויפן זיין דירה. ער וועט דארפן ליידן חלילה דאס וואס ס'איז פאר אים באשערט פון הימל. שפעטער, אויב מ'וועט אים פון הימל צוריקגעבן פרנסה בהרחבה, וועט דאך אלעס סיי-ווי ווערן מסודר, און ער וועט סיי-ווי זיצן אין דער דירה 'על מי מנוחות'... פארוואס זאל ער אוועקגעבן און שאדן האבן אויך די דירה, אויסער די פרנסה.

מ'הענגט עס אָן העכער פון די טבע, איז מען זוכה[ט]
אין אַ סעקונדע צו אַ געוואלדיגע לעכטיגקייט'.

**דאָס** מיינט, יעדער איינער מיט זיינע אייגענע 'עשרה
נסיונות' וואָס ער גייט אַריבער, ביי יעדע צרה

---

און כאָטש די דאָזיגע 'מעשה' איז נישט 'למעשה'... יעדער איינער דאַרף פרעגן זיין מורה-דרך ווי אַזוי זיך צו פירן, אָבער מיר לערנען דאָ אַ גרויסן יסוד פון די ווערטער פונעם קאָלאָשיצער רב, אַז א **מענטש דאַרף וויסן אַז יעדע שוועריגקייט איז אָנגעשריבן פון הימל, און מ'קען נישט אַנטלויפן דערפון.** אויב ער איז נישט מצליח אין זיינע געשעפטן, איז עס נישט דערפאַר ווייל עס פעלט אים געלט, נאָר ווייל מ'האָט פון הימל אַרויסגעגעבן אויף אים אַ גזירה אַז ער זאָל אַריבערגיין אַ שווערע צייט ח"ו, און אויך אויב ער וועט פאַרקויפן זיין הויז און עס וועט אים אַריינברענגען אַ שיינעם סכום, וועט עס אים גאָרנישט העלפן... מיט'ן אויבערשטען'ס הילף וועט ער אַריבערגיין די שווערע תקופה, און ער וועט צוריקקומען צו זיין פריערדיגן מצב.

**ט.** אַסאַך אידן וואָס געפינען זיך ליידער יעדער איינער מיט זיינע ווייטאָגן און פראָבלעמען, וואונטשן זיך, הלוואַי זאָל איך יעצט זוכה זיין צו 'גילוי שכינה' - דער אויבערשטער זאָל זיך אַנטפּלעקן צו מיר און מיר צוזאָגן מיט אַ קלאָרע הבטחה, אַז איך וועל בקרוב ממש אַרויסגיין 'מאפילה לאורה'. איינער זוכט אַ הבטחה אַז ער וועט האָבן אַ בעסערע פרנסה. אַ צווייטער וואַרט צו זיין פאַרזיכערט מיט 'נחת דקדושה' פון זיינע קינדער, און צומאָל שרייט ער און בעט ער זאָל שוין זוכה זיין צו די הבטחה פון 'ושבו בנים לגבולם'... אַ דריטער וואַרט אויף אַ שידוך, אַז זיין זון אָדער טאָכטער זאָלן בקרוב ממש טרעפן זייער זיווג, אָדער אַז זיין קרוב זאָל האָבן אַ רפואה שלימה בגוף ובנפש. איינער בעט געהאָלפן צו ווערן בקרוב מיט אַ קינד, און אַ צווייטער וויל געהאָלפן ווערן מיט טרעפן אַ דירה, אָדער צו טרעפן 'געלט' צו צאָלן פאַר דער דירה... און נאָך און נאָך. ס'איז פשוט אַ מצב פון 'יכלה הדיו והנייר, והם לא יכלו'... און וויבאַלד דער אויבערשטער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן צו זיי, זענען זיי צובראָכן און אָנגעווייטאָגט.

אין דער היינטיגער פרשה לערנען מיר אָבער אַ וואונדערליכן יסוד, אַז **אמונה אין באַשעפער איז בכח צוצואיילן פאַר דעם מענטש די ערוואַרטעטע ישועה, נאָך מער ווי אַ קלאָרע פאַרזיכערונג פון באַשעפער:** ממילא, דאַרף מען זיך מחזק זיין מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, און אַזוי קען מען ממשיך זיין די ישועה. אזוי שרייבט דער 'דברי ישראל' (פרשתינו, ד"ה 'וינגע') אויפ'ן פסוק (יב, יז) 'וינגע ה' את פרעה נגעים גדולים ואת ביתו על דבר שרי'. זאָגט דער מדרש (ב"ר פמ"א, ב) אַז שרה אמינו ע"ה, זייענדיג פאַרכאַפּט ביי פרעה אין פאַלאַץ, האָט זי אַ גאַנצע נאַכט זיך אָפּגערעדט זאָגנדיג, רבונו של עולם, אברהם האט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג מיט אַ **הבטחה**, און איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט **אמונה**. למעשה, אברהם איז אינדרויסן פון דער צרה, און איך בין אינעם 'שיף' - איינגעשפּאַרט אינעם הויז פון דעם רשע פרעה. האָט דער אויבערשטער איר געזאָגט: אַלעס וואָס איך וועל טוהן, וועל איך טוהן צוליב דיר, און אַלע וועלן זאָגן 'על דבר שרי'.

דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, וואָס איז געווען די טענה פון שרה אמינו ע"ה, אדרבה, ווייל אברהם אבינו ע"ה האָט באַקומען אַ פאַרזיכערונג פון דעם אויבערשטען, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געמוזט היטן זיין צוזאָג און מקיים זיין די הבטחה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כג, יט) 'לא איש א-ל ויכזב', אָבער שרה, האָט דאָך נישט באַקומען פון באַשעפער קיין שום פאַרזיכערונג...

ענטפערט דער 'דברי ישראל', אַז פון דאָ איז אַ ראיה, אַז **דער כח פון אמונה איז גרעסער ווי דער כח פון אַ הבטחה..!** אויב דער אויבערשטער העלפט פאַר דעם וואָס האָט באַקומען פון אים אַ פאַרזיכערונג, איז דאָך אַוודאי זיכער נישט קיין ספק, אַז ער העלפט פאַר דעם מענטש וואָס גלייבט אין אים באמונה שלימה.

דאָס איז די כוונה פון שרה'ס ווערטער, אַז אברהם איז אַרויס מיט אַ **הבטחה**, און איך בין אַרויס מיט **אמונה**, ווייל אמונה איז דאָ גרעסער ווי אַ הבטחה, און ממילא, ווי אַזוי איז מעגליך אַז אברהם איז אינדרויסן און איך בין ביי פרעה אין הויז? האָט דער אויבערשטער איר געענטפערט, אַז **דאָס איז טאַקע אמת** (אַז מיט אמונה קען מען ממשיך זיין אַ ישועה, נאָך ווי ווי ווען מ'באַקומט אַ פאַרזיכערונג פון באַשעפער) **און אַלעס וואָס איך וועל טוהן, וועל איך טוהן פאַר דיר.** דאָס הייסט, אין זכות פון דיין אמונה, וואָס איז גרעסער ווי די פאַרזיכערונג וואָס איך האָב צוגעזאָגט פאַר אברהם. 'הכל אומרים על דבר שרי' - צוליב דיין אמונה.

זעען מיר דאָ אַ מורא'דיגע זאַך. אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ קלאָרע 'הבטחה' פון אליהו הנביא, אָדער פונעם 'רבי'ן' בכבודו ובעצמו, איז דאָך אַוודאי אַז ווען מ'האָט אַ הבטחה פון הייליגן באַשעפער, אַזוי ווי אברהם אבינו ע"ה

וואָס קומט חלילה אויף דער וועלט, און ביי יעדן 'פרשת דרכים', ווען דער מענטש ווייסט נישט ווי אַזוי ער קען זיך האַלטן און אַרומגיין אין 'חרן', וואָס איז מרמז אויף 'חרונו של עולם', דאַרף דער מענטש זיך אָנשטרענגען צו זען דעם אויבערשטען ביי יעדער זאַך, און דאַן וועט ער מצליח זיין, ווייל די אמונה און בטחון זענען דער אָנלאַן[יא] דורך וועלכע דער מענטש קען אַריבערגיין אַלע שוועריגקייטן, 'כל משבריך וגליך עלי עברו'[יב], און אויב

---

האָט געהאַט. דאַן וואָלסטו דאָך זיכער געווען רואיג און צופרידן. און דאָ זעען מיר, אַז **דער כח פון אמונה איז פיל גרעסער פון דעם**, און ממילא, קען מען אַוודאי זיין רואיג און זיכער אַז די ישועה וועט קומען בעזרת השי"ת.

**י.** מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליך וואָרט פון אַ איד אַ צדיק און אַ חכם. מיר געפינען ביי בריאת העולם, אַז דער אויבערשטער האָט געבענטשט אדם הראשון און די פייגל און פיש, מיט די ברכה 'פרו ורבו'. איז לכאורה שווער, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געבענטשט אויך די ביימער אַז זייערע פרוכטן זאָלן זיך מערן, און די פעלדער זאָלן זען אַסאַך גוטע תבואות?

נאָר דאָ איז מרומז, אַז דער 'בוים' טוט דאָך נישט אַליין קיין פעולות צו מערן זיינע פרוכטן, נאָר אַנדערע טוען אים אָנטרינקען און ער נעמט אַליין אַרויס די פירות. ממילא, דער מענטש וואָס ווייסט אַז ער טוט גאָרנישט, נויטיגט זיך נישט אין אַ ברכה, ווייל **די עצם ידיעה אַליין איז דער מקור פון די ברכה.** נאָר איינער וואָס עס דאַכט זיך אים אַז ער טוט עפּעס, און ער איז דער גורם פאַר דעם ריבוי, דאַרף האָבן אַ באַזונדערע ברכה, אַז די 'צינורות' פון שפע זאָלן נישט קאַליע ווערן ביי אים...

## מן הבאר

מיר געהערט האָבן אַ טעם פאַרוואָס מ'עסט פיש אין שבת, ווייל פיש האָבן דאָך נישט קיין הענט אָדער פיס, און ממילא, רעדן זיי זיך נישט איין אַז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'. דעריבער עסט מען פיש אין שבת קודש, וואָס ווערט אָנגערופן 'יומא דמהימנותא' - אַ טאָג פון אמונה. דעמאָס דאַרפן מיר איינוואָרצלען אין זיך אַז אויך אונזערע הענט און פיס טוען באמת גאָרנישט... נאָר אַלעס ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען...

הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון די מקורבים פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, אַז אַמאָל זענען עטליכע עשירים אַריינגעקומען צום רבי'ן מיט אַ פּלאַן צו פינאַנצירן און אַרויסגעבן אַ טעגליכע צייטונג, וואָס זאָל געפירט ווערן נאָר דורך דעם דעת תורה און די ריינע השקפה פונעם רבי'ן. אויך וועט דאָס האָבן אַ גרויסן תועלת, ווייל אַזוי וועט מען קענען מפרסם זיין די שיטה פונעם רבי'ן. האָט דער סאַטמאַרער רב זיי געזאָגט, אַז ער וועט איבערטראַכטן דאָס ענין עטליכע טעג, איידער ער גיט זיי אַן ענטפער.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט דער רבי זי"ע זיי געשיקט רופן און זיי געזאָגט אַז ער איז נישט מסכים אַרויסצוגעבן אַזאַ טאָג-צייטונג, ווייל **דער וואָס לייענט אַ צייטונג איז עלול צו טראַכטן אַז די וועלט ווערט געפירט על פי דרך הטבע**, און לויט די מעשים פון די מענטשן, ווייל אַזוי איז דאָך דער שטייגער פון די צייטונגען, צו לאָזן וויסן אַז די דאָזיגע פּאַסירונג האָט פּאַסירט צוליב יענע און יענע סיבה... עס האָט פּאַסירט אַ זאַך, ווייל איינער האָט געטוהן אַ געוויסן אַקט... און דאָס גלייכן. מ'דאַרף שטאַרק אַכטונג געבן אַז די לייענער זאָלן נישט קומען צו כפירה ח"ו, נאָר זיי זאָלן געדענקען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, וואָס ער איז דער 'עילת כל העילות וסיבת כל הסיבות'. ער (דער רבי) קען נישט נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות...

**יא.** הגאון רבי יהודה אריה דינר שליט"א, רב פון בית המדרש 'דברי שיר' אין בני ברק, זאָגט, מענטשן פירן זיך צו פרעגן וועגן דעם עבר, **'למה'** - פאַרוואָס האָט פּאַסירט אַזוי און אַזוי, און וועגן דעם עתיד, פרעגט מען **'מה יהיה'** - וואָס וועט זיין? זאָגט הרב דינר, אַז דאָ איז מרומז, דאָס וואָרט 'למה' באַטרעפט 75, און אַזוי אויך די צוויי ווערטער 'מה יהיה'. און וואונדער איבער וואונדער: אויך דאָס וואָרט 'בטחון' באַטרעפט אַזוי פיל... 75. פון דעם קען מען לערנען, אַז **'בטחון' נעמט אַוועק אַלע שאלות און חששות, פחדים און ספיקות, סיי אויפ'ן עבר** ('למה'), **און סיי אויפ'ן עתיד** ('מה יהיה')...

**יב.** די גמרא זאָגט (ברכות יב.) רבה בר חיננא סבא האט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אַז ווען מ'דאַווענט 'שמונה עשרה', דאַרף מען זיך בוקן ווען מ'זאָגט 'ברוך' (אין די ערשטע ברכה), און איידער מ'זאָגט דעם אויבערשטען'ס

ער וועט האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען, וועט ער זוכה זיין לייכט צו שטיין, אָן צו ווערן צובראָכן ח"ו ברוח ובנפש[יג].

**מיר** דאַרפן געדענקען, אַז די ישועה קומט אין זכות פון אמונה זעלבסט, ווי דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע שרייבט אין ספר 'תורת משה', אַז מיר געפינען ווען דער אויבערשטער האָט גערעדט צו אברהם אבינו ע"ה 'במחזה', האָט ער אים צוערשט געזאָגט אַז ער וועט זוכה זיין צו אַ קינד, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (טו, ד-ה) 'כי אם אשר יצא ממעיך הוא יירשך וגו', כה יהיה זרעך', און ער האָט געגלייבט אין דעם אויבערשטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (פסוק ו) 'והאמין בה'', אָבער ווען דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט אַז ער וועט

---

נאמען (נאָכ'ן זאָגן 'אתה'), דאַרף מען זיך צוריק אויפהייבן. האָט שמואל געזאָגט אַ טעם פאַר די ווערטער פון רב, ווייל דער פסוק זאָגט (תהילים קמו, ח) ה' זוקף כפופים'. זאָגט דער רבינו יונה, און ווען מען הייבט זיך צוריק אויף, ווייזט מען אַז מען האָט בטחון ביי אַלע ענינים, אַז דער אויבערשטער וועט טוהן גוטס מיט אים.

די כוונה דערפון איז, ס'איז דער שטייגער פון מענטש, אַז איינער וואָס האָט דאגות און טרידות פון אַלע זייטן, איז ער איינגעבויגן' ווי אַ 'רובץ תחת משאו', אַזוי ווי אַן אָקס וואָס איז אונטערגעבויגן אונטער דעם 'עול'. אָבער איינער וואָס האָט אַ 'טאַטן' אדער אַ גרויסע עושר וואָס נעמט אַוועק פון אים יעדע טירדא און שווערקייט, גייט אייביג אַרום מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, זייענדיג באַפרייט פון יעדן עול.' וועגן דעם, **ווען מ'דערמאנט דעם אויבערשטען'ס נאָמען, דאַרף מען שטיין 'גלייך', מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, צו ווייזן אַז מיר האָבן אַ גרויסן טאַטן אין הימל, דער 'מלך חי וקיים', וואָס שפּייזט אונז שטענדיג אין יעדער צייט, און ער איז דער וואָס זאָרגט פאַר אונז און טוט אייביג גוטס מיט אונז, און ממילא, וואָס האָבן מיר אַראָפּצובייגן דעם קאָפּ...** מ'איז דאָך 'באַפרייט', ווי אַ 'בן חורין'...

דער פסוק זאָגט אין שיר השירים (ז, ח) 'זאת קומתך דמתה לתמר'. זאָגן רש"י און די אַנדערע מפרשים, אַז דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט די אידן, אַז זיי שטייען מיט 'אויפגעהויבענע קעפּ', אַזוי ווי דער טייטלבוים וואָס וואַקסט אין דער הייך, אָן קיין שום קרומקייט.

לויט די פריער דערמאנטע ווערטער פונעם רבינו יונה קען מען עס גוט פאַרשטיין, אַז דאָס איז טאַקע די לויב פון אידישע קינדער, אַז זיי פאַרזיכערן זיך אויף דעם אויבערשטען, און זענען נישט 'איינגעבויגן' פון דער שווערער משא, נאָר מיט זייער גרויסן בטחון אין באַשעפער, שטייען זיי גלייך, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס האָט אינגאַנצן נישט קיין זאָרג אויף דער וועלט.

**יג.** וועט דער מענטש פרעגן: פון וואו זאָל איך שעפּן אמונה און בטחון אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן? איך ווייס דאָך לײדער זייער גוט מיין מצב ברוחניות, אַז איך בין נישט ראוי זוכה צו זיין צו אַ נס און געהאָלפן צו ווערן פון באַשעפער. איז דער תירוץ, ווי מיר געפינען אַ שטאַרקן יסוד אין די ווערטער פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע (זרע קודש', ליל ה' דחנוכה) וואו ער שרייבט: אויך אויב דער מענטש וועט זאָגן, גאַנץ רעכט אויב איך וואָלט געווען אַ צדיק, וואָלט איך זיך געקענט פאַרזיכערן אין דעם אויבערשטען אַז ער וועט מיר געבן שכר פאַר מיינע גוטע מעשים, אָבער איך ווייס דאָך אַליין אַז איך האָב נישט יוצא געווען מיין פליכט קעגן דעם באַשעפער ברוך הוא, און אויב אַזוי, ווי אַזוי קען זיך זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט טוהן מיט מיר טובות, נישט לויט מיינע מעשים. **דאָס איז אָבער די עצה פונעם יצר הרע, ווייל באמת איז עס נישט ריכטיג**, ווייל דער אויבערשטער איז דער 'טוב ומטיב לרעים ולטובים', און 'טוב ה' לכל'. ער איז גוט צו אַלע באַשעפענישן, און דעריבער דאַרף מען האָבן 'בטחון', וואָס איז פון לשון שמירן און צוקלעבן (טיחה'), אַז דער מענטש זאָל האָבן בטחון, און ער זאָל זיך בשום אופן נישט אָפּלאָזן פונעם בטחון.

לויט דעם, טייטשט דאָרט דער ראָפּשיצער רב זי"ע, דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (טו, ו) 'והאמין בה' ויחשבה לו צדקה'. אברהם אבינו ע"ה האָט געטראַכט, אַז כאָטש ער איז נישט ראוי מצד זיינע מעשים, אַזוי ווי ער אַליין האָט געזאָגט 'ואנכי עפר ואפר', אָבער מיט דעם אַלעם, וועט דער אויבערשטער טוהן מיט אים אַ צדקה, און ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען. מיר אידישע קינדער, זרע אברהם, דאַרפן פון דאַ אַראָפּלערנען זיך צו שטאַרקן מיט בטחון אין יעדע מצב און צו גיין בדרכי אבות.

אים געבן דאָס לאַנד ארץ ישראל, פאַר א נחלה, 'לתת לך את הארץ הזאת לרשתה' (פסוק ז), האָט אברהם אבינו ע"ה געזאָגט (פסוק ח) 'ה' אלוקים, במה אדע כי אירשנה'. זאָגט רש"י, אַז אויף די בשורה אַז ער וועט האָבן אַ קינד, האָט ער נישט געבעטן פון דעם אויבערשטען אַ צייכן, נאָר אויף די ירושה פון ארץ ישראל, האָט ער געפרעגט 'במה אדע כי אירשנה'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז די בשורה פון קינדער געווען אַנדערש ווי די בשורה פון ירושת הארץ? פאַרוואָס האָט אברהם אבינו ע"ה געגלייבט אַז ער וועט זוכה זיין צו אַ קינד, און ער האָט נישט געבעטן אַ צייכן דערויף, אָבער אויף די הבטחה אַז ער וועט באַקומען ארץ ישראל, האָט ער יאָ געבעטן אַ צייכן?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז לויט דעם מזל, איז נישט שייך געווען אַז אברהם אבינו ע"ה זאָל זוכה זיין צו קינדער, און תוספות זאָגט (שבת קנו., ד"ה 'אין'), אַז מען דאַרף האָבן אַ גרויסן זכות ('זכות גדול') צו טוישן אַ מזל. אָבער דורך אמונה, קען מען בטל מאַכן אַלע מזלות און אַלעם איבערדרייען צום גוטן, און די ריינע אמונה איז דאָך אַ 'זכות גדול', אַ גרויסער זכות, דעריבער איז אברהם בכלל נישט געווען מסופק וועגן די בשורה אַז ער וועט האָבן קינדער, ווייל ער האָט געוואוסט אַז אויב ער וועט גלייבן אין דעם אויבערשטען, וועט ער טאַקע זוכה זיין צו קינדער (נאָר אויף די ירושה פון ארץ ישראל האָט ער געפרעגט 'במה אדע כי אירשנה', ווייל דאָס פאַרטרייבן די קינדער פון כנען ווענדעט זיך אויב זיי האַלטן אָן זייערע עבירות, און דאַן איז די מדת הדין מסכים זיי צו פאַרטרייבן). קומט אויס, אַז ווען דער אויבערשטער האָט אים צוגעזאָגט ארץ ישראל, איז אין דעם געווען אַריינגערעכנט אַז די כנענים וועלן זיכער נישט תשובה טוהן און אָפּלאָזן זייערע שלעכטע וועגן, און דאָס איז שווערער און כמעט אוממעגליך אַז דער אויבערשטער זאָל פאַרמאַכן די טויערן פון תשובה און טוען קעגן די בחירה פון אַ מענטש, דעריבער איז געווען שווער פאַר אברהם צו גלייבן דערין, ווייל ס'איז דאָך מעגליך אַז די כנענים וועלן תשובה טוהן און דאַן וועט ער זיי נישט קענען פאַרטרייבן פונעם לאַנד, וועגן דעם האָט אברהם געפרעגט 'במה אדע כי אירשנה'.

## בירה דולקת - אונטער דעם פייער איז באַהאַלטן אַ געוואַלדיגע טובה

**דער** מדרש זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ב"ר פל"ט, א), ווען רבי יצחק האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער פרשה, האָט ער געזאָגט, ס'איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס איז געגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערן, און ער האָט געזען אַ פאַלאַץ ברענט. האָט ער געזאָגט, 'קען מען דען זאָגן אַז דער פאַלאַץ האָט נישט קיין פירער?' (דאָס הייסט, אַז דער פאַלאַץ האָט נישט אַ בעה"ב וואָס זאָל עס אָפּהיטן פונעם פייער?). האָט דער בעה"ב פונעם פאַלאַץ געקוקט אויף אים און אים געזאָגט, 'איך בין דער בעל הבית פונעם פאַלאַץ'.

**דאָס** זעלבע, ווייבאַלד אברהם אבינו ע"ה האָט געזאָגט (נאָך דעם מבול און נאָך דעם דור הפלגה), 'צו ווילסטו זאָגן אַז די וועלט האָט נישט אַ פירער חס ושלום'. האָט דער אויבערשטער געקוקט אויף אים און אים געזאָגט, איך בין דער בעה"ב פון דער וועלט.

**דאַרף** מען לכאורה פאַרשטיין, וואָס האָט דער אויבערשטער געענטפערט אַז איך בין דער בעה"ב פון פון דעם פאַלאַץ? אדרבה, אויב אַזוי, איז דאָך נאָך מער שווער. אויב ער זעט טאַקע אַלעס, פאַרוואָס טוט ער נישט פאַרלעשן דעם פייער? ווי אַזוי איז מעגליך אַז דער בעל הבית פון דעם פאַלאַץ זאָל צולאָזן אַז דער פאַלאַץ זאָל ברענען, און ער זאָל נישט צולייגן אַ פינגער עס צו ראַטעווען פון די פלאַמען?

**איז** דער תירוץ, אַז באמת האָט דער בעה"ב געמיינט צו זאָגן, דו האסט אַ טעות, עס זעט נאָר אויס אין דיינע אויגן אַז דאָ ברענט אַ פייער, אָבער דער אמת איז אַז איך בין דער בעה"ב פון דעם פאַלאַץ, און אַלעס וואָס פאַסירט דאָ, פאַסירט עס מיט אַ גענויען חשבון פאַר דער טובה פון דעם פאַלאַץ און זיינע איינוואוינער. אויך דער פייער וואָס פלאַקערט איז לטובה. איך האָב נישט איבערגעלאָזט מיין הויז אויף הפקר, נאָר איך שטיי און איך קוק זיך אום אויף אַלעם וואָס קומט פאָר אין דעם הויז, אַז ס'זאָל זיין נאָר לטובה ולברכה.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז עס קומט אויף אים אַ צרה חס ושלום, און ער ציטערט פון די 'פלאַמען', זאָל ער וויסן

אַז דער בעה"ב פונעם פּאַלאַץ שטייט און קוקט אויף אַלעם וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, און דאָס וואָס ער פאַרלעשט נישט דעם פייער, איז עס דערפאַר ווייל באמת איז עס נאָר פאַלשע דמיונות, לויט דעם קליינעם פאַרשטאַנד פונעם מענטש[יד], ווייל דאָ איז בכלל נישט דאָ אַ 'פייער', נאָר אַסאַך טובות און ברכות.

---

**יד.** אַזוי שרייבט דער 'חובות הלבבות' (שער הבחינה, פ"ה), מ'דערציילט, אַ גרופּע מענטשן וואָס זענען געפאָרן אויפ'ן וועג האָבן זיך אַוועקגעלייגט איבערנעכטיגן נעבן אַ וואַנט, איז געקומען אַ הונט און געטוהן זיינע באַדערפענישן אויף איינעם פון די מענטשן. האָט ער זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און האָט זיך שנעל אָפּגעוואַשן פונעם שמוץ. בשעת מעשה איז ער געווען פול מיט טענות פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט דווקא ביי אים, אַז דער הונט זאָל אויף אים טוהן זיינע באַדערפענישן.

ווען ער האָט זיך אָבער דערווייטערט פון דער וואַנט זיך צו גיין אָפּוואַשן, איז די וואַנט אומגעפאַלן אויף זיינע חברים, וואָס זיי זענען אַלע געשטאָרבן, און נאָר ער איז געראַטעוועט געוואָרן, עכ"ד.

קומט אויס, אַז ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין פּלאַץ זיך ווייטער אַראָפּצולייגן שלאָפן, און ער האָט געזען די איינגעפאַלענע וואַנט, איז ער שוין געווען גאָר פריילעך אַז עס האָט פּאַסירט דווקא ביי אים, ווייל דורך דעם הונט'ס 'אַרבעט', איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט ה' ירחם.

אַ יונגערמאַן וואָס האָט נעבעך פאַרלוירן זיין טייערן בן יחיד וואָס איז געבוירן געוואָרן אַסאַך יאָרן נאָך דער חתונה, און דאָס קינד איז ליידער נפטר געוואָרן יונגערהייט נאָך אַ קראַנקהייט ל"ע, האָט זיך אָפּגערעדט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, און געזאָגט אַז ער וויל וויסן און פאַרשטיין, וואָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט פון אים מיט'ן צונעמען אַזאַ טייערע מתנה. האָט דער 'פני מנחם' אים געענטפערט:

- אין מיין יוגנט איז מיר אַמאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין אין אַ באַנק. דאָרט האָב איך געזען ווי אַ איד איז געקומען צו די באַנק-באַאַמטע און זיי געגעבן אַ גרויסן סכום געלט. האָב איך רחמנות געהאַט אויף דעם איד אַז מ'האָט פון אים 'צוגענומען' זיין גאַנצע געלט און אַלע זיינע פאַרדינסטן וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געפּלאָגט צו פאַרדינען, און מ'האָט נישט איבערגעלאָזט ביי אים אַפילו אַ קליינע סומע. נאָך אים איז אַריינגעקומען אַ צווייטער איד, און דאָס מאָל האָב איך מיך געפרייט צו זען ווי אַ באַנק-באַאַמטער דערלאַנגט אים אַ שיינע סומע געלט. אָבער עטליכע יאָר שפּעטער, ווען איך האָב באַקומען שכל, האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן טעות, ווייל דער מענטש אויף וועמען איך האָב רחמנות געהאַט, איז אַ גרויסער עושר וועלכער איז געקומען אינוועסטירן זיין געלט, אַז ס'זאָל אים ברענגען שיינע פאַרדינסטן. דאָס געלט וואָס ער האָט איבערגעגעבן פאַר די באַאַמטע פון דער באַנק, וועט זיך שפּעטער דאָפּלען און אַפילו דריפּלען.

אויף דעם צווייטן, ווידער, דאַרף מען האָבן מער רחמנות. דאָס געלט וואָס ער האָט 'באַקומען' פון דעם באַנק באַאַמטן, איז געווען נישט אַנדערש ווי אַ הלוואה וואָס ער האָט געבאָרגט פון דער באַנק. מיט פּראָצענט וואָס ער צאָלט מיט אַ 'היתר עיסקא'. אָבער פון יעצט און ווייטער, וועט זיין חוב כסדר נאָר וואַקסן און וואַקסן. פון דעם האָב איך געלערנט, אַז **נישט דאָס וואָס דער מענטש זעט מיט זיינע אויגן איז ריכטיג**. ווייל אַמאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער 'באַקומט', און דערווייל האָט ער גאָר שאָדן ח"ו, און אַמאָל איז פאַרקערט. עס זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ שאָדן, אָבער באמת ליגט דערין באַהאַלטן אַ גרויסער פאַרדינסט.

דער 'פני מנחם' האָט אויסגעפירט צו דעם יונגערמאַן:

- דאָס זעלבע איז מיט דיר. דו דאַרפסט גאָרנישט טוהן, ווייל דער אויבערשטער האָט גאָרנישט גענומען פון דיר. דאָס וואָס ער האָט גענומען - 'ה' לקח', איז באמת אַ בחינה פון 'ה' נתן', און צוליב דעם דאַרפסטו זאָגן 'יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם'.

אַ איד וואָס האָט ליידער געליטן אַסאַך צרות און יסורים ל"ע, האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַר'ן רב פון טבריא, דער גאון רבי משה קליערס זצ"ל, איבער זיינע צרות און שווערע איבערלעבענישן. האָט רבי משה קליערס אים געפרעגט:

- פאַרוואָס דערציילסטו מיר נאָר אַ האַלבע מעשה? ס'איז דאָך באַקאַנט וואָס די וועלט זאָגט, אַז מ'ווייזט נישט פאַר אַ נאַר אַ האַלבע אַרבעט...

האָט דער איד זיך זייער געוואונדערט אויף רבי משה, און אים געזאָגט:

**אשר בחברון** - מיר האָבן אַ 'זכיה' אַז מיר קענען מתפלל זיין מיר לייענען אין דער היינטיגער פרשה (יד, יד), 'וישמע אברם כי נשבה אחיו, וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות וירדוף עד דן'.

**זאָגט** דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע, אַ רמז, אַז די צאָל קנעכט וואָס אברהם אבינו ע"ה האָט מיטגענומען מיט זיך אין דער מלחמה איז געווען 318, אַזוי ווי די צאָל פון דעם וואָרט 'שיח', וואָס דער טייטש דערפון איז רייד. דאָס איז אַ רמז אַז מיט'ן כח פון תפלה, האָט אברהם אבינו ע"ה געזיגט אין דער מלחמה.

**דאָס** קומט אונז אויך לערנען, אַז כאָטש מיר ווייסן אַז 'אין מקרא יוצא מידי פשוטו', און אברהם אבינו ע"ה איז אַוודאי אַרויסגעגאַנגען אין די מלחמה מיט דריי הונדערט און אַכצן קנעכט, אָבער זיין נצחון אין דער מלחמה איז נישט געקומען אַדאַנק זייער שטאַרקייט אָדער געלונגענע מלחמה-טאַקטיקן, נאָר בלויז אין זכות פון די תפילות וואָס אברהם אבינו ע"ה האָט מתפלל געווען אַז ער זאָל מצליח זיין אין דער מלחמה.

**אַזוי** זאָגט דער מדרש (תנחומא בשלח, ט) אויפ'ן לשון פון דעם פסוק (ישעיה מא, י"ד) 'אל תיראי תולעת יעקב'. די אידן ווערן צוגעגליכן צו אַ 'תולעת' - א וואָרעם, פונקט אַזוי ווי דער וואָרעם עסט אויף די טענענביימער נאָר מיט זיין מויל, כאטש וואס ער איז טאקע ווייך אָבער ער עסט אויף דעם בוים. דאָס זעלבע איז מיט די אידן, זייער גאַנצער כח איז נאָר מיט תפילה[טו].

---

- דער רבי זאָל מיר מוחל זיין, אָבער איך פאַרשטיי נישט וואָס ער מיינט צו זאָגן. וואָס פאַרא 'האַלבע אַרבעט איז דאָ פאַרהאַן?

האָט ר' משה קליערס אים געענטפערט ליבליך:

- דו האַלטסט נאָר ביי אַ העלפט פון דער מעשה, ווייל די געשיכטע האָט זיך נאָך נישט געענדיגט. וואַרט-צו אַביסל, און טוה זיך אָנגאַרטלען מיט סבלנות, וועסטו זען ווי אַלעס איז געווען מיט אַ חשבון פאַר דיין פולשטענדיגער טובה. דו וועסט נאָך זאָגן מיט אַ פול מויל, 'אודך ה' כי אנפת בי'...

## מן הבאר

מ'קען עס בעסער ערקלערן מיט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין בני ברק, ווען אַ איד איז געגאַנגען אויף דער גאַס, און אָט זעט ער ווי עס קומט אַרויס אַ רויך פון אַ דירה. ער האָט נישט צופיל געטראַכט, נאָר ער האָט באַלד אַלאַרמירט די פייערלעשער. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום הויז, האָבן זיי געזען אַז דאָס איז נישט קיין פייער, נאָר אַ רויך וואָס קומט אַרויס פון דעם הייצונג-אַפּאַראַט וואָס מ'רופט 'יונקערס' (וואָס וואַרעמט אָן דאָס וואַסער אין הויז), און די פייערלעשער האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט. עטליכע טעג שפּעטער האָבן זיי פאַרלאַנגט פונעם אייגנטימער פון דער דירה, צו באַצאָלן 900 שקלים קנס, פאַר אַריבעררופן די פייערלעשער אומזיסט.

האָט דער אייגנטימער פון דער דירה גערופן דעם איד וואָס האָט אַלאַרמירט די פייערלעשער צו אַ דין תורה ביי דעם גאון ר' שמואל הלוי וואזנער זצ"ל, בעל 'שבט הלוי', מיט דער טענה אַז כאָטש דו האָסט געזען ווי אַ רויך קומט אַרויס פון הויז, האָסטו געדאַרפט פאַרשטיין אַז פון דעם איז נאָך נישט קיין ראיה אַז דאָ ברענט אַ פייער. ווייל וויבאַלד דו ביסט נישט באַקאַנט מיט די טעכנאָלאָגישע כלים (אַז אַזאַ 'יונקערס' קען אַרויסגעבן אַ רויך), האָסטו זיך פריער געדאַרפט אינטערעסירן צי מ'דאַרף טאַקע אַלאַרמירן די פייער לעשער...

לויט דעם, קען מען ערקלערן די ווערטער פון מדרש, אַז אברהם אבינו ע"ה האָט געזען אַז דער 'פּאַלאַץ' ברענט, האָט דער אויבערשטער אים געזאָגט, ס'איז בכלל נישט קיין פייער. **עס דאַכט זיך דיר נאָר אַז ס'איז אַ פייער**, וויבאַלד דו פאַרשטייסט נישט די הנהגה פון דער וועלט.

**טו.** פונקט אזוי ווי דער וואָרעם, פאַרלאָזט זיך אויף זיין מויל צו קענען עסן פונעם בוים, אַזוי דאַרפן מיר זיך פאַרלאָזן אויף אונזער מויל, אַז מיט אונזערע תפילות קענען מיר געהאָלפן ווערן.

די גמרא (ב"ק נ.) דערציילט אַ מעשה, די טאָכטער פון 'נחוניא חופר שיחין' (מ'האט אים אזוי גערופן ווייל ער פלעגט זיך זארגן פאַר די 'עולי רגלים', אז זיי זאָלן האָבן צו טרינקען ווען זיי זענען עולה רגל צום בית המקדש אין ירושלים, דעריבער פלעגט ער גראָבן גריבער,

**מיר** דאַרפן געדענקען, אַז דער אויבערשטער האָט ליב די תפילות פון אידישע קינדער, ווי עס שרייבט, דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (פרשתינו, ד"ה 'כגן'), אויפן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יג, י) 'וישא לוט את עיניו וירא את כל ככר הירדן כי כולה משקה, לפני שחת ה' את סדום ועת עמורה, כגן ה' כארץ מצרים'. סדום און עמורה זענען געווען אַזוי ווי דער גאָרטן פון דעם אויבערשטען. זיי האָבן נישט געדאַרפט אָנקומען צו רעגן - 'כי כולה משקה', און אויך דאָס לאַנד מצרים האָט זיך נישט גענויטיגט אין רעגן, ווייל ס'איז דאָרט געווען דער טייך נילוס וואָס טרינקט אָן אַלע פעלדער.

**איז** לכאורה שווער, פאַרוואָס האָבן די דאָזיגע רשעים זוכה געווען צו לעבן אין דעם אויבערשטען'ס 'גאָרטן', און זיי זענען געווען מסודר מיט גוטע השפעות, נישט זייענדיג אָנגעוויזן אויף טל אָדער אויף רעגן?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז דאָס איז בכלל נישט געווען אַ מתנה, נאָר אדרבה, זיי האָבן נישט זוכה געווען צו דאַרפן אָנקומען צו תפילה, ווייל דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט אַז זיי זאָלן קומען מתפלל זיין צו אים[טז]. דאָס הייסט, דער אויבערשטער כביכול האָט זיי דערווייטערט פון זיך:

---

צו שעפּן פון דאָרט וואַסער), איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן גרוב. ווען מ'האָט געלאָזט וויסן פאַר רבי חנינא בן דוסא וועגן דעם האָט ער געזאָגט רואיג, 'שלום'. דאַן האָט מען נאָך אַמאָל דערציילט פאַר רבי חנינא בן דוסא, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין גרוב, און ער האָט ווידעראַמאָל געענטפערט 'שלום'. דאַן האָט מען אים געמאָלדן אַז מ'האָט איר שוין אַרויסגענומען פונעם גרוב. ווען מענטשן האָבן געפרעגט נחוניא'ס טאָכטער ווער עס האָט איר אַרויפגענומען פונעם גרוב, האָט זי געענטפערט, ס'איז געקומען אַ 'זכר של רחלים' ברענגענדיג אַ עלטערע איד (רש"י זאגט, אז עס איז געווען אברהם אבינו ע"ה וועלכע איז געקומען צו רייטן אויף די 'אילו של יצחק'), וואָס האָט איר אַרויסגענומען. ווען מ'האָט שפּעטער געפרעגט רבי חנינא בן דוסא אויב ער איז אַ נביא, האָט ער געענטפערט, **'כך אמרתי'**, איך האָב געזאָגט, היתכן אַז אַ זאַך וואָס דער צדיק האָט געהאַט צער דערפון (ווייל ער פלעגט זיך אפגעבן מיט די גרובער פאר די עולי רגלים), זאָלן זיינע קינדער געשטרויכלט ווערן דערמיט. האָט רבי אחא געזאָגט, אַז פונדעסטוועגן איז נחוניא'ס זון געשטאָרבן פון דאָרשט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים נ, ג) 'וסביביו נשערה מאד'. דער פסוק לערנט אונז אַז דער אויבערשטער איז מדקדק מיט זיינע 'אַרומיגע' אַפילו אויף אַ האָר. (די מפרשים זענען מסביר, אז למעשה זענען געווען מענטשן וואס זענען צוקלאפט געווארן פו די גרובער, היות זיי זענען נישט געווען געבויעט אזוי גוט, און דעריבער איז עס פארעכנט געווארן אלס א חטא פאר א צדיק)

דאַרף מען פאַרשטיין די ווערטער 'כך אמרתי', ס'איז געווען גענוג צו זאָגן 'דבר שאותו צדיק יצטער' וכו'. אויך פרעגט תוספות, למעשה, איז דאָך דער זון פון נחוניא יאָ געשטאָרבן פון דורשט?

ענטפערט דער 'שיטה מקובצת', אין נאָמען פון זיין רבי'ן ר' ישעי', אַז דאָס אז נחוניא'ס זון איז אויסגעגאַנגען פון דורשט האָט פאַסירט אַסאַך יאָרן שפּעטער, ווען נחוניא האָט שוין נישט געלעבט אויף דער וועלט. דעריבער ווען די טאָכטער פון 'נחוניא' איז אריינגעפאלן, האָט ער געזאָגט 'כך אמרתי'. דאָס מיינט, **איך האָב מתפלל געווען דערויף**. 'איך האָב געזאָגט' די טענה כלפי דעם אויבערשטען כביכול. ווי אַזוי איז מעגליך אַז נחוניא'ס טאָכטער זאָל אויסגיין פון דורשט ח"ו אין דעם גרוב, ווען ער האָט זיך אַזוי מצטער געווען צו געבן צו טרינקען וואַסער פאַר אידן. אַדאַנק די דאָזיגע טענה, האָט רבי חנינא בן דוסא טאַקע אויסגע'פועל'ט די ישועה, אַז זי זאָל אַרויפקומען פונעם גרוב. נאָר יאָרן שפּעטער, **ווען עס איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל מתפלל זיין**, איז זיין זון געשטאָרבן פון דורשט (צוליב 'נשערה מאד'). דאָס מיינט, אַז **דורך תפילה, פועל'ט מען אַלע טובות און ברכות. אָן תפילה, קען מען גאָרנישט באַקומען.**

**טז.** אַ 'פרייער' איד איז אַמאָל אַריינגעקומען אין דער ישיבה פון כפר חסידים, ווען די תלמידים זענען געשטאַנען און געדאַוונט. ווען עמיצער האָט אים שפּעטער געפרעגט וואָס ער האָט געזען אין דער ישיבה, האָט דער איד געענטפערט: איך האָב געזען ווי בחורים שאָקלען זיך אהין און צוריק, און מאַכן פאַרשידענע תנועות. איך האָב אָבער באַטראַכט דעם אַלטן איד וואָס איז געשטאַנען ביי דער מזרח-וואַנט (דאָס איז געווען דער משגיח, הגה"צ רבי אלי' לאָפּיאַן זצ"ל). ער האָט אויסגעזען **ווי איינער וואָס רעדט מיט עמיצן**... אַזוי דאַרף אויס זען דאָס דאַווענען פון אַ איד.

מ'דאַרף מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען אויף יעדער זאַך, אַפילו אויף אַ 'קלייניקייט', ווי דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע (חנוכה, נר ג') ברענגט אַז מעשה, אַז די תלמידים פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער

נעמט אַלעס וואָס איר דאַרפט, און איר זאָלט נישט זיין אָנגעבינדן און אָנגעוויזן אויף מיר.

לויט דעם, טייטשט דער 'חתם סופר' דעם פסוק ווייטער אין דער פרשה (פסוק יח) 'וישב באלוני ממרא אשר בחברון'. אברהם אבינו האָט זיך באַזעצט אין אלוני ממרא, וואָס געפינט זיך אין חברון, ווייל חברון איז געווען דאָס ערגסטע פלאַץ אין ארץ ישראל, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (סוטה לד:) 'ואין לך טרשים בכל ארץ ישראל יותר מחברון'. אין גאַנץ ארץ ישראל איז נישט דאָ אַן ערד וואָס איז האַרטער ווי אין חברון. ווענן דעם האָט אברהם אבינו ע"ה געגלוסט פאַר דעם אָרט זיך דאָרט צו באַזעצן, כדי ער זאָל בסדר דאַרפן אָנקומען צום רחמנות פונעם באַשעפער.

**מיר** זענען מתפלל צום באַשעפער, אידישע קינדער זאָלן געהאָלפן ווערן מיט אַלע סאָרטן ישועות ברוחניות ובגשמיות", און מיר זאָלן האָבן די זכי' צו זיין פון די תלמידים פון אברהם אבינו ע"ה, און מקיים צו זיין 'והאמין בה'', ביז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן מיט די גאולה שלימה, במהרה בימינו, אמן.

---

זי"ע האָט אַמאָל געהערט ווי זייער רבי הרה"ק ר' פנחס'ל איז מתפלל נאָך די 'שמונה עשרה', אַז די משרתת זאָל צוריקקומען אַרבעטן אין הויז... לכתחילה האָבן זיי געמיינט, אַז דער רבי האָט דאָ אינזין גאָר הויכע באַהאַלטענע סודות, אַז די 'משרתת' איז מסתמא אַ רמז אויף הויכע 'ספירות', און דאָס 'הויז' איז מרמז אויף אַנדערע 'ספירות'. דאַן האָט הרה"ק רבי פנחס'ל זיי ערקלערט, אַז די כוונה פון זיין בקשה איז בפשטות... די רעביצין איז שוין ברוך השם נישט קיין יונגע פרוי, און די משרתת וואָס אַרבעט אין שטוב צו רייניגן דאָס הויז האָט זיך באַליידיגט אויף איר, און וויל נישט צוריקקומען צו דער אַרבעט... און ס'איז זייער שווער פאַר די רעביצין צו טוהן די אַרבעט אין הויז אַליין, ווענן דעם האָב איך מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען אַז די משרתת זאָל צוריקקומען אַרבעטן... **צו וועמען דעם זאָל איך זיך ווענדן, אויב נישט צו מיין גרויסן הייליגן באַשעפער...**

**יז.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס' (פ' לך, כ) אַז ביז פרשת לך לך, ווען מ'לייענט די פּאַסירונגען פון אברהם אבינו ע"ה, איז די וועלט 'נבוך' (אין אַ פאַרלעגנהייט), **אָבער פון דער היינטיגער פרשה און ווייטער, ווערט נתעורר דער חסד פון אברהם אבינו ע"ה** (וואָס ער איז פון די מדה פון חסד), **און עס ווערן נמשך ישועות אויף דער וועלט.**

# הבא נא השמימה

מיט יאָרן צוריק, איז אַ בחור פון אַ ישיבה אין ירושלים אַמאָל געשטאַנען ביים כותל המערבי און מתפלל געווען. און אָט זעט ער ווי אַ גוי קומט צו צום כותל, און איז מתפלל דאָרט. דערנאָך האָט דער גוי אַריינגעלייגט אַ 'צעטל' אין דער וואַנט, און פאַרלאָזט דאָס אָרט. דער בחור איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואָס עס שטייט געשריבן אינעם צעטל, איז ער צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען דאָס צעטל פון צווישן די שפאַלטן פונעם כותל, און געזען אויפגעשריבן אויפ'ן צעטל, 'לכבוד דעם אויבערשטען, דער ג-אָ-ט פון די אידן, איך וויל זייער שטאַרק וויסן ווער עס האָט געוואונען דעם 'פוטבאָל' שפּיל ... איך בעט פון דיר, דו זאָלסט מיר לאָזן וויסן ווער עס האָט געוואונען. 'כה דברי פלוני', וואָס געפינט זיך יעצט אין דעם האָטעל מיט'ן נאָמען ... צימער נומער...' (אין יענע צייטן, זענען נאָך נישט געווען אַלע טעכנאָלאָגישע ערפדינוגען, צו מעלדן מיט אַ שנעלקייט יעדע 'נייעס' אויף דער וועלט).

האָט דער בחור באַשלאָסן צו מאַכן אַ 'שפּיל' פון דעם גוי, און ער האָט טעלעפאָנירט צו זיין טאַטן וועלכער וואוינט אין ניו יארק, און אים געבעטן צו הערן די נייעס, וועלכער צד האָט געוואונען אין דעם פוטבאָל-שפּיל. לכתחילה, איז דער טאַטע געוואָרן שטאַרק דערשראָקן הערנדיג די 'מאָדנע' בקשה פון זיין זון, אָבער ווען ער האָט געהערט די גאַנצע מעשה, אַז דער זון האָט געזען דאָס צעטל מיט די בקשה וואָס דער גוי האָט אַריינגעלייגט אינעם כותל, האָט ער מסכים געווען צו זיך אינטערעסירן ווער עס האָט געזיגט אינעם שפּיל... אַנדערהאַלבן שעה שפּעטער, האָט ער זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט זיין זון, און ער האָט אים איינגעמאָלדן ווער עס האָט געוואונען דעם פוטבאָל פאַרמעסט... איז דער בחור אַריבערגעגאַנגען צו דעם האָטעל אין ירושלים וואו דער גוי איז איינגעשטאַנען, און דאָרט האָט ער זיך 'אַנטפּלעקט' פאַר דעם גוי אַלס דער פערזענליכער 'שליח' פון דעם באַשעפער, אים צו לאָזן וויסן ווער ס'איז אַרויס דער זיגער אינעם פוטבאָל פאַרמעסט.

פון גרויס איבערראַשונג, אַז דער 'באַשעפער פון דער וועלט' האָט אים געשיקט אַ פערזענליכן שליח, און אַז זיין בקשה איז ערפילט געוואָרן, האָט באַדאַנקט דעם בחור, און אים אַפילו דערלאַנגט צוויי הונדערט דאָלאַר, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שליח פון דעם אויבערשטען כביכול אַליין. ווען דער בחור איז דערנאָך צוריקגעקומען אין ישיבה, האָט ער - זעלבסט-פאַרשטענדליך - דאָרט געמאַכט 'מטעמים' פון דער גאַנצער מעשה, ווי ער האָט אויסגעפּאָפּט דעם גוי וועלכער רעדט זיך איין מיט זיין תמימות און נאַרישן שכל, אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו דעם בחור און אים געשיקט צו אים ביז'ן האָטעל...

ווען דער בחור איז געשטאַנען און דערציילט פאַר זיינע חברים וועגן דעם 'שפּיצל' וואָס ער האָט אָפּגעטוהן פאַר דעם גוי, איז פּונקט אַדורכגעגאַנגען דער ראש ישיבה, און געפרעגט וואָס דער געלעכטער איז דאָ. האָבן די בחורים אים דערציילט די גאנצע מעשה... האָט דער ראש ישיבה, נאָכ'ן טראַכטן אַ מינוט, זיך אָנגערופן מיט התרגשות:

- הערט זיך גוט איין, און טראַכט אַריין, וועט איר זען אַז דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו האָט טאַקע געשיקט צו אים זיין שליח, ווייל מ'זעט דאָך ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט צוגעפּירט אַז די תפילה פון דעם זאָל אָנגענומען ווערן. **ער האָט אַריינגעגעבן אין דעם בחור אַ 'משוגעת'** צו גיין קוקן אויפ'ן צעטל וואָס דער גוי האָט דאָרט אויפגעשריבן, און פון דאָרט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט זיין טאַטן ער זאָל שנעל אויסגעפינען ווער ס'האָט געזיגט אינעם פוטבאָל-פאַרמעסט, און נישט נאָר דאָס, נאָר ער איז דערנאָך געגאַנגען אַ לאַנגן וועג ביז צום האָטעל וואו דער גוי האַלט זיך אויף, כדי אים צו געבן דעם ענטפער. **איז עס דען נישט דירעקט פון דעם באַשעפער, און אַ שליחות פון הימל, כדי דער גוי זאָל באַקומען זיין ענטפער 'פון הימל'...?!**

און אויב דאָס איז געזאָגט געוואָרן ביי אַ גוי, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי ווי דער אויבערשטער ענטפערט די תפילה פון יעדן איד, באשר הוא שם...

מענין לענין, הגאון רבי רפאל דוד אויערבאַך זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט, אַז דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל האָט געזאָגט, אַז ווען מ'זאָגט 'בורא רפואות' (ברכת יוצר), זאָל מען אין זינען האָבן געראַטעוועט צו ווערן פון יעדע מחלה, און ספּעציעל פון די ביטערע מחלה רח"ל.

ענליך האָט געזאָגט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אַז מ'דאַרף אין זינען האָבן ביים זאָגן די ווערטער 'המחדש בטובו בכל יום תמיד', געראַטעוועט צו ווערן פון יעדע קראַנקהייט, דאָס הייסט, דער אויבערשטער זאָל באַשאַפן נייע רפואות, און ממילא וועלן אידן אויסגעהיילט ווערן פון יעדער קראַנקהייט.